# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ.

בעזהשי"ת ▪ שבת בראשית תשפ"א ▪ גליון צד'


# פארוואס דארף מען האבן א שבת יעדע זיבן טעג?

### דער אינהאלט און באדייט פונעם הייליגן טאג "שבת קודש"!

איינמאל מוצאי שבת איז א קאצקער חסיד געווען זייער פרייליך. ווען מען האט מען אים געפרעגט, "וואס איז די גרויסע שמחה?", האט ער געענטפערט, "טייערע אידן, געבט א קוק וואספארא מתנה מיר האבן באקומען. אלע הייליגע ימים טובים זענען מיר זוכה נאר איינמאל א יאר און ווען מיר ווילן נאכאמאל זוכה זיין צו דעם, דארפן מיר ווארטן א גאנצע קיילעכדיגע יאר. אבער שבת קודש איז אינגאנצן אנדערש! קוים גייט אריבער זעקס טעג און דער שבת קודש איז שוין ווידער דא מיט אונז, זאל איך מיר נישט פרייען?!"

**שטייענדיג יעצט פאר שבת בראשית**, דער ערשטע שבת פון די 52 שבתים פונעם יאר, לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין און מעמיק זיין אין אט דעם געוואלדיגן מתנה וואס נאר כלל ישראל האט זוכה געווען דערצו!

**האט איר אמאל אריינגעטראכט פארוואס שבת דארף זיין יעדע זיבן טעג?** עד כדי כך אז דער אוחה"ק זאגט: **ולך לדעת כי מיום ברא אלקי' אדם לא חסר העולם דבר המעמיד צדיק יסוד עולם שהוא שומר שבת**, אנגעהויבן פון אדם הראשון איז אין יעדן איינציגן דור געווען א צדיק וואס האט געהיטן שבת... פארוואס איז שבת אזוי וויכטיג פאר דער וועלט?

### לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פונעם הייליגן שבת קודש....

**וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה.** (בראשית ב, ב)

דערציילט די גמרא (מגילה ט.): **מעשה בתלמי המלך**[א], איינמאל האט תלמי המלך, דער קעניג פון מצרים, צוזאמגענומען איין און זיבעציג זקנים פון כלל ישראל און זיי אריינגעזעצט אין באזונדערע הייזער. דער קעניג האט זיי געהייסן, "טייטש מיר איבער ענקער תורה אויף יווניש."

וויבאלד יעדע פון די חכמים זענען געזעצן אין אן אנדערע הויז, איז דער קעניג געווען רואיג אז ער וועט באקומען דער ריכטיגע אפטייטש, ווייל קיינער קען זיך נישט אפשמועסן מיט דער אנדערע וואס צו שרייבן.

**דערציילט די גמרא:** עס איז געשעהן א נס אז איבעראל ווי די חכמים האבן זיך געמוטשעט מיטן איבערטייטשן דעם פשוט'ע פשט[ב], האבן זיי אלע איבערגעדרייט דעם פשט אויפן זעלבן מהלך. די גמרא רעכנט דארט אויס עטליכע פלעצער ווי די חכמים האבן איבערגעדרייט די טייטש...

איינע פון די פלעצער וואס די גמרא רעכנט דארט אויס איז דער פסוק, **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה**. די חכמים האבן זיך געמוטשעט, ווי אזוי איז מען מסביר דעם פסוק, **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי**. אויב מען זאל דאס טייטשן כמשמעו, "דער אייבערשטער האט געענדיגט טוהן זיינע מלאכות **אינעם זיבעטן טאג**", קען עס אויסקוקן ווי גלייך דער אייבערשטער האט נאך געטוהן מלאכות אינעם זיבעטע טאג אליין. און דאס איז נישט ריכטיג ווייל דער אייבערשטער האט דאך אודאי נישט געטוהן קיין מלאכה שבת, ווי דער פסוק ענדיגט צו, **וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה...**

---

[א] תלמי המלך מיינט מען דא דער צווייטער תלמי וואס איז געווען קעניג אויף מצרים בערך 300 יאר פארן חורבן בית שני, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין סדר הדורות האט דאס פאסירט בשנת ג"א תקט"ו.

[ב] ווייל די ריכטיגע טייטש וואלט אים געברענגט צו א טעות אדער ווערן אויפגערעגט.

**וואס טוט מען?** די אלע חכמים, נישט וועלנדיג אז דער קעניג זאל האבן א טעות, האבן געטוישט די ווארט און געשריבן, **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם "הַשִּׁשִּׁי" וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי...** אנטשאט **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי.**

## לכאורה דארף מען פארשטיין... וואס איז טאקע פשט?

### ווי אזוי איז מען דאס מסביר פארן איד?

דערפאר קומט רש"י אויפן פסוק (**ויכל אלקים ביום השביעי**) און איז מסביר: אודאי איז דער גאנצע בריאה שוין געענדיגט געווארן אינעם זעקסטן טאג אבער וויבאלד עפעס האט נאך געפעלט פונעם עצם שלימות, דער "**מנוחה**" איז הערשט אנגעקומען אינעם זיבעטן טאג, הייסט דאס ווי דער וועלט איז פערטיג געווארן אינעם זיבעטן טאג. **ויכל אלקים ביום השביעי**, ווי אזוי? דורך דעם **וישבת ביום השביעי**, דער בריאה איז פארטיג געווארן דורך דער מנוחה וואס איז דעמאלטס אנגעקומען.

ווי דער אוהח"ק איז מסביר (פסוק ב בא"ד ונראה): שבת קודש איז באשאפן געווארן דעם נפש און דער קיום פון די וועלט. ביז דעמאלטס, איז דער גאנצע וועלט געווען שאקלדיג. יא, עס איז געווען נבראים און באשעפענישן אויף דעם וועלט, אבער מיט דעם אנקום פון שבת קודש, האט די גאנצע בריאה באקומען איר חיות און קיום, דהיינו איר נפש.

ווי דער פסוק איז אונז דאס מרמז, **וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי "מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה"**, דורך די בריאה פון מנוחה אין דעם זיבעטע טאג, איז געענדיגט געווארן די מלאכה **אֲשֶׁר עָשָׂה**, דאס וואס איז שוין באשאפן געווארן פון פריער, אבער יעצט האט זי באקומען איר חיות.

און דאס עצם בריאה פון מנוחה הייסט אודאי נישט ווי דער באשעפער האט געטוהן א מלאכה ווייל קיין שום פיזישע מלאכה איז דעמאלטס געטוהן געווארן, נאר אדרבא, דער פעולה פון מנוחה איז דורך נישט טוהן. (עי' שפת"ח)

## נו, איז דאך יא דא א פיינער פשט!

### פארוואס קען מען דאס נישט מסביר זיין פארן גוי?

לכאורה דארפן מען פארשטיין, אויב לערנט אונז רש"י בשם די מדרש אזא שיינער פשט אינעם פסוק, פארוואס קען מען דאס נישט איבערטייטשן אדער מסביר זיין פארן גוי? וואס איז אזוי שווער פון דעם פשט אז דער גוי קען דאס נישט פארשטיין און דער איינציגסטע עצה איז צו טוישן די לשון הפסוק?

~

לאמיר לערנען נאך איין פסוק חומש:

פסוק ג': **וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת.**

די פסוק זאגט אונז: דער אייבערשטער האט געבענטשט די זיבעטע טאג ווייל ער א האט גערוהט אין דעם טאג...

לכאורה דארפן מיר פארשטיין, וואס איז דער נתינת טעם, וואס האט איינס צוטוהן מיטן צווייטן? ווייל דער באשעפער האט גערוהט אין דעם טאג, דארף ער דאס בענטשן?

**געבט דער כתב סופר צו פארשטיין**[ג]: א גאנצע וואך איז דער מענטש טרוד בטרדת עולם הזה, ער איז עוסק על המחיה ועל הכלכלה, ער ארבעט שווער און איז זייער ביזי, ער האט נישט קיין רגע צייט צו טראכן אדער זיך צו מתבונן זיין אין דער תכלית פון דעם גאנצע עוה"ז, ער האט נישט קיין ישוב הדעת צו טראכן וועגן עפעס העכערס, קוים וואס ער יאגט אן דאס ביסל שיעורי תורה וואס ער כאפט אריין אינדערפרי אדער ביינאכט.

אבער ווען עס קומט שבת קודש, דער טאג וואס דער ביזנע"ס אדער ארבעט ווערט פארמאכט און דער יאגעניש שטעלט זיך אפ, יעצט קען דער מענטש אנהייבן טראכטן אביסל פון העכערס און טוהן עפעס פאר זיין נפש.

**מה היה העולם חסר? מנוחה!**
**באת שבת באת מנוחה,**
**כלתה ונגמרה המלאכה.**
(רש"י פסוק ב בשם המדר"ר).

זאגט דער כתב סופר: פון ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט ביז ווען עס איז אנגעקומען דעם שבת קודש, האט געפעלט עפעס. **דער וועלט האט נישט געהאט קיין מנוחה!** עס האט געפעלט דעם איין טאג וואס דער מענטש זאל זיך אפשטעלן און טראכטן, ווי האלט איך אויף דער וועלט? ווי אזוי גרייט איך מיך צו צו יענע וועלט?

אבער **באת שבת באת מנוחה**, ווען עס אנגעקומען דעם שבת קודש, א טאג פון רוהען, האט דער וועלט דערגרייכט! מען האט באקומען א טאג פון מנוחה! איין טאג אין דער וואך וואס דער יאגעניש און פלאגעניש לויפט אונז נישט נאך, איין טאג אין דער וואך וואס מיר קענען זיך אפגעבן נאר מיטן אמת'ן תכלית, אויפהייבן דער נפש און זיך צוגרייטן צום עוה"ב. וואלט חלילה נישט געווען א שבת קודש אויף דעם וועלט, וואלט דער מענטש קיינמאל נישט געקענט קומען צו זיין אמת'ע תכלית. (עי' כתב סופר לעיל ד"ה ויכל)

(משה רבינו אין מצרים, זעענדיג דער חורבן וואס קען ווערן פון כלל ישראל אויב זיי גייען נישט האבן לכה"פ איין טאג פריי- שבת קודש, איז שנעל געלאפן צו פרעה און מיט חכמה אים געבעטן, "נעם אראפ לכה"פ איין טאג פון זייער ארבעט."

וז"ל פונעם מדרש רבה: "**וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם**", ראה שאין להם מנוחה. הלך ואמר לפרעה, "מי שיש לו עבד אם אינו נח יום אחד בשבוע הוא מת, ואלו עבדיך אם אין אתה מניח להם יום אחד בשבוע הם מתים!" אמר לו, "לך ועשה להן כמו שתאמר". **הלך משה ותקן להם את יום השבת לנוח.** (שמו"ר א, כח)

[ג] בראשית ד"ה. **כי בו שבת מכל מלאכתו**, דער צווייטער שטיקל, אזוי אויך ווי ער איז מאריך אין דער ענין עטליכע שטיקלעך פאר דעם, ד"ה **ויכל אלקי' ביום השביעי**.

דערפאר, דייקא דעם טאג האט דער אייבערשטער געבענטשט און געהייליגט, **כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ**. וויבאלד אין דעם טאג רוהט דער מענטש, איז יעצט דער פאסיגסטע צייט אז דער מענטש זאל זיין הייליג און געבענטשט. ווייל דער טאג איז דאס בעסטע פון אלע טעג וואס דער מענטש קען משיג זיין מער פון סיי וועלכע וואכן טאג.

**זאגט דער כתב סופר ווייטער:** וואלט דער אייבערשטער באשאפן דער וועלט אויף אזא אופן אז מען דארף נישט ארבעטן, מען דארף נישט זייען און אקערן, דער מענטש דארף נישט זיין אזוי פארנומען, וואלט מען טאקע נישט געדארפט האבן איין ספעציעלע הייליגע געבענטשטע טאג. יעדע איינציגע טאג וואלט מען געקענט מאכן פאר א יום מנוחה וקדושה לקדש עתותיו לה' און מתבונן זיין אויפן תכלית אמיתי, ווייל עס וואלט געווען אסאך ליידיגע צייט.

מיט דעם טייטשט דער כתב סופר: **וְשָׁמְרוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת הַשַּׁבָּת לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם** (שמות לא, טז). דער פסוק גייט ארויף אויף דער דור המדבר. דהיינו, אינעם מדבר וואס די אידן האבן נישט געהאט קיין שום טירדות ודאגות פונעם עוה"ז, באמת לא היו צריכים ליום השבת, ווייל יעדן טאג איז געווען ביי זיי ווי א שבת קודש, לקדש ולטהר. דאך אבער, האבן זיי יא געהייליגט דעם זיבעטן טאג שבת קודש. פארוואס? **לדרתם**, פאר די שפעטעדיגע דורות, ווען עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט יא דארפן ארבעטן כשיהיה זה פונה לכרמו וזה פונה לזיתו וכו', זאל דער איד כאטש האבן א שבת, איין טאג פון מנוחה און הייליגקייט.

מיט דעם זאגט מען פשט, **אלו האכילנו את המן ולא נתן לנו את השבת, דיינו**. וואלטן מיר כסדר געגעסן מן און נישט געדארפט זיין פארנומען מיט פרנסה, **דיינו**, וואלט דאס אליין געווען גענוג און מיר וואלטן נישט געדארפט א שבת, ווייל יעדן טאג וואלט געווען ווי שבת.

דייקא יעצט אין דער מצב וואס מיר געפונען זיך, א מצב פון טירדות וואס מיר דארפן זיין פארנומען מיט גשמיות א גאנצע וואך, **מוזן מיר האבן איין ספעציפישע טאג, א הייליגע און געבענטשטע טאג**, וואס איז מער פון די אנדערע טעג. ווייל ווען נישט דעם איין טאג וואס מיר זענען מרבה בתורה ועבודה להוסיף דעת ושכל בתורה, ווי אזוי וואלט אויסגעקוקט אונזער קומענדיגע וואך?

**און אט דאס איז אונזער עבודה ביום שבת קודש, מחשיב זיין און אויסנוצן ווי מער דער מתנה וואס מיר האבן באקומען.**

מיט דעם טייטשט דער כתב סופר דער מאמר חז"ל: **כל האומר ויכולו בע"ש כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית** (שבת קיט:). דארף מען פארשטיין, פארוואס בלויז מיטן זאגן ויכולו ווערט מען שוין א שותף אין דעם גאנצע בריאה?

נאר טאקע דאס לערנט אונז דא חז"ל: אמת אז דער טאג איז הייליג און מיוחד פאר גרויסע צוועקן, אבער מאן יימיר דער טאג וועט אנקומען צו איר תכלית? עס ווענדט זיך דאך אין דעם רצון פונעם מענטש, ווער זאגט אז דער מענטש וועט דערהערן און מחשיב זיין דעם טאג אז דאס איז דער גאנצע תכלית פון די בריאה און דער תכלית פון זיין גאנצע לעבן?

אבער ווען דער מענטש קומט ערב שבת בקדושה וטהרה און זאגט ערליך "**ויכולו**", ער לייגט צו קאפ און מח צו דעם הייליגן טאג און גרייט זיך אויסצונוצן דעם טאג מיט העכערס, **נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית**. יא! ער ווערט ממש א שותף מיט כביכול אויף די גאנצע בריאה ווייל דורך זיין עבודה וועט דער טאג אנקומען צו איר תכלית, ועי"ז וועט זיין א תכלית פארן גאנצע בריאה.

מיט דעם פארשטייען מיר די גמרא: **אמר לו הקב"ה למשה, "מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, אני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם."** (שבת י' ע"ב). דער גאנצע מתנה קען קיין מתנה נישט זיין נאר אויב מיר ווייסן וואס מיר דארפן צו טוהן מיט דעם. דערפאר, פעלט זייער וויכטיג אויס צו מודיע זיין די אידן וועגן די חשיבות און תכלית פון דעם הייליגן טאג.

מיט דעם פארשטייען מיר פארוואס **גוי ששבת שבת חייב מיתה**, ווייל דער גוי האט נישט וואס צו רוהען שבת. דער גאנצע תכלית פון רוהען איז נאר אנצוקומען צו תורה ומעשים טובים, אבער דער גוי, וואס ער האט נישט דעם תכלית, ער נוצט זיין רוה טאג בלויז פאר שוואיל טאג און זינדיגן, און איז גאר מבזה דער מתנה, על כן גוי ששבת שבת חייב מיתה.

און דאס איז וואס מיר זאגן יעדן שבת ביים דאווענען, "**ולא נתתו ה' אלוקינו לגויי הארצות, ולא הנחלתו מלכנו לעובדי פסילים, וגם במנוחתו לא ישכנו ערלים, כי לישראל עמך נתתו באהבה, לזרע יעקב אשר בם בחרת**". וויבאלד דער מתנה פונעם רוה טאג איז נאר כדי צו צוברענגען דער מענטש און דער וועלט צו איר תכלית, קען דאס אויף קיין שום פאל נישט זיין דורך א גוי. ווייל נאר דער איד קען און ווייסט ווי אזוי דאס צו טוהן...

~

## נו, ווי אזוי איז מען דאס מסביר פאר א גוי? ווי נאר מען וויל מיט אים אנהייבן רעדן און מסביר זיין פון א טאג פון מנוחה, ווערט דאס אין זיין קאפ זייער מגושם און עס ווערט גלייך איבערגעטייטשט צו א טאג פון הוללות און פריקת עול. צו פארשטיין אז דאס געבט נאך חיות פאר די גאנצע וועלט, דאס קען ער זיכער נישט פארשטיין ווייל ער קען דאס נישט טוהן...

דערפאר איז די איינציגסטע עצה געווען פאר די חכמים צו משנה זיין דער לשון צו **וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם "הַשִּׁשִּׁי"** און אים גארנישט מסביר זיין! זאל דער גוי טאקע נאר לערנען פשוט פשט אז דער זיבעטע טאג האט מען גענצליך געוהט, און נישט וויסן און פרובירן משיג זיין דעם סוד פון שבת.

~

---

## וואלט "קיין" געהאט א שבת קודש,

**וואלט ער גאר אנדערש אויסגעזעהן...**

---

דער זעלבע ענין געפונען מיר ביי "קין", דער זוהן פון אדם. ווי דער הייליגע קאזניצער מגיד זי"ע איז מסביר אויפן פסוק, **נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ.** (עבודת ישראל בראשית ד, יב)

לאמיר פארשטיין? וואס איז געווען די קללה **נע ונד תהיה בארץ,** ער וועט גיין פון איין פלאץ צום צווייטן און נישט וואוינען בקביעות אויף איין פלאץ? א מענטש האט דאך א בחירה! קין וואלט געקענט אויסוועלן איין פלאץ וואו ער וויל וואוינען און מחליט זיין אז דארט גייט ער בלייבן זיצן און נישט וואנדערן. וואס איז געווען זיין פראבלעם אז ער האט געמוזט וואנדערן פון איין פלאץ צום צווייטן?

**זאגט דער קאזניצער מגיד:** מען מוז זאגן אז דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין קין א שלעכטע גייסט, עפעס א רוח תעתועים, אזא סארט פחד און שגעון וואס האט אים איינגערעדט אז מען יאגט אים נאך. וועגן דעם, האט ער געהאלטן אין איין לויפן פון איין פלאץ צום צווייטן.

זאגט דער קאזניצער מגיד זי"ע: וואלט קין געהאט א מעגליכקייט להתדבק במחשבתו בבורא יתברך כראוי, וואלט זיך אפגעטוהן פון אים די אלע פחדים ונמתקו כל הדינים...

נאר וואס? דאס אליין איז געווען א חלק פון זיין קללה, **שנתבלבלה מחשבתו מדביקתו.** ער איז געווען נע ונד אין זיין עצם מחשבה אליין, אז אפי' זיך מקשר זיין צום בורא האט ער אויך נישט געקענט.

**ענדיגט דער קאזניצער מגיד זי"ע:** מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם מדרש. **וישם ה' לקין אות, אות שבת נעל בפניו,** ווען קין וואלט געהאט שכל, וואלט ער אויסגענוצט דעם שבת קודש פאר א שטיקל התבוננות און באהאפטן זיינע געדאנקען צום הייליגן באשעפער, און דעמאלטס וואלט ער געקענט מבטל זיין די גזירה אין איין מינוט און ברענגען המתקת הדינים. אבער וויבאלד ער האט צו דעם אויך נישט זוכה געווען, "**אות שבת נעל בפניו**", האט ער טאקע נישט געהאט קיין מנוחה ביזן סוף פון זיין לעבן, על אף וואס ער האט עטוואס תשובה געטוהן.

**מיט דעם קענען מיר פארשטיין דעם מדרש:** נאך וואס קין האט תשובה געטוהן, **פגע בו אדם הראשון א"ל מה נעשה בדינך? א"ל עשיתי תשובה ופשרתי, התחיל אדם הראשון מטפח על פניו ואמר כך הוא כח של תשובה ולא הייתי יודע! מיד עמד אדם הראשון ואמר מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה'**... (ילקוט שמעוני בראשית)

לכאורה קוקט דאס אויס ווי א מדרש פליאה, בשלמא ער זאגט **כך הוא כח של תשובה ולא הייתי יודע!** פארשטיין מיר אז אדם זעהט איין אז קין'ס דין איז עטוואס לייכטער געווארן און מען האט אים מוחל געווען דורך תשובה, איז דאס אים מגלה אז תשובה איז זייער גרויס, אבער וואו קומט דא אריין **מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה'**? וואס האט שבת מיט די גאנצע תשובה?

לפי"ד איז דאס זייער פשוט. אדם הראשון, ווען ער האט געזעהן דער ענין פון תשובה ביי קין, איז ער געווארן אינגאנצן איבערגענומען, "קוק וואס תשובה קען מאכן!" אבער ווי נאר ער האט געזעהן דעם **נע ונד תהיה בארץ** און דערפאר האט קין נישט געקענט תשובה טוהן בשלימות ווייל עס האט אים געפעלט דער שבת, מיד פתח ואמר, "**מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה'... איי איי, וואלט דער קין געהאט א שבת, וואלט זיין תשובה געווען פיל גרעסער און ער וואלט פון אלעמען פטור געווארן, א שאָד א שאָד. ווי גליקלעך בין איך אז מיר האבן יא א שבת קודש, מזמור שיר ליום השבת טוב להודות לה'...**"

## וואלט "אדם" געווארט ביז שבת קודש,
### וואלט ער גאר אנדערש אויסגעזעהן...

זאגט דער מדרש: **אלו היה אדם הראשון ממתין עד בא יום השבת- היה מקדש על היין.**

דער באר מים חיים איז מסביר: דער עץ הדעת איז נישט אסור געווארן פאר אדם הראשון אויף אייביג, "נאר פאר יענע איין טאג, דער זעקסטער טאג פון די בריאה". וואלט אדם הראשון אויסגעווארט ביזן זיבעטן טאג, יום שבת קודש, וואלט ער דאס רואיג געקענט עסן און נאך קידוש געמאכט אויף דעם אויך. (למ"ד של גפן היתה)

**פארוואס?** זאגט דער באר מים חיים[ד] (בהמשך שם בא"ד ועל כן מאר ויצמח ה' אלקים מן האדמה וגו'): ווייל דער עץ הדעת איז געווען אן עירוב פון טוב ורע. ווען איינער עסט דאס, האט ער קונה געווען די ידיעה פון טוב ורע. דער אייבערשטער האט געוואוסט אז אדם האט נאך נישט דעם כח זיך צו קענען שלאגן מיטן רע, דערפאר האט ער דאס גע'אסר'ט פאר אים צו עסן ביז ווען עס וועט קומען דעם שבת קודש. ווייל ווען עס וועט קומען דעם שבת קודש, לרוב הקדושה השופע בו, וועט אדם זיך מקדש ומטהר זיין בקדשתו ולקשר עצמו בחי העולמים, און דעמאלטס וועט ער זיך יא קענען האלטן שטארק מיט די קלארע הבנה, נישט צו ווערן נאכשלעפט נאך די רע. דערפאר זאגט די מדרש: אלו היה אדם הראשון ממתין עד בא יום השבת- היה מקדש על היין... ער האט אבער נישט געווארט און זיך אליין שאדן געמאכט.

~

## יעדען איינציגן שבת פון דעם בריאה
### ווערט די וועלט נאכאמאל באנייט און איז פריש משפיע...

**וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת "וַיִּנָּפַשׁ"** (לא יז). זאגט דער אוהח"ק (וכמש"כ לעיל):

[ד] עיי"ש באריכות ההסבר: והענין הוא, דער תכלית הבריאה איז נאר געווען צוליב אונזער בחירה, מיר זאלן בוחר זיין למאוס ברע ולבחר בטוב, וואס דאס ברענגט א געוואלדיגע נחת רוח לפני המקום, אבער כדי דאס זאל קענען זיין מוזן מיר דאך וויסן וואס איז טוב און וואס איז רע, איז אבער דא אין דעם א גרויסע סכנה, ווייל עס קען זיין אז ווען מיר וועלן זעהן דעם רע, וועט דאס אונז אינגאנצן פארשלעפן, סכ"ס שלעפט דאך דער רע גאר שטארק. וואס איז דער עצה צו דעם? זאגט דער במ"ח: מען דארף זיך קודם שטארק מדבק ומקשר צו די קדושה, ווערן צוגעבונדן מיטן גאנצע הארץ, ליב האבן און וועלן די קדושה, דערנאך ווען מען וועט זעהן דעם רע, וועט מען נישט אזוי איבערגענומען ווערן און מען וועט זיך קענען שלאגן מיט דעם.

שבת קודש איז באשאפן געווארן דעם נפש פון די וועלט. שבת קודש האט די גאנצע בריאה באקומען איר חיות, דהיינו איר נפש. **וועסטו דאך אודאי מיינען אז דאס איז געווען נאר איינמאל בזמן ששת ימי בראשית, אבער וואס האט דאס צו טוהן מיט אונז טויזענטע יאר שפעטער?**

**קומט דער אוהח"ק אין פסוק ג'** (ד"ה ויברך אלקים בא"ד אכן מצינו) און איז ממשיך מיט זיין הסבר און זאגט: דער ענין פונעם נפש חזר'ט זיך איבער יעדן איינציגן שבת קודש במשך פון די גאנצע בריאה, ווי דער אוהח"ק איז מסביר מיטן פסוק...

**כי ששת ימים עשה ה' את השמים וגו'** (שמות כ, יא). די תורה הק' איז אונז מגלה אין פרשת יתרו אז בשעת בריאת העולם האט דער אייבערשטער באשאפן א כח אין דער וועלט וואס קען האלטן נאר פאר זעקס טעג[ה], דער זיבעטע טאג וואלט די וועלט געדארפט ווערן אויס...

נאר וואס? **ונתחכם ה' וברא יום אחד הוא יודע לה' ובו ביום חוזר ה' ומשפיע נפש לעולם**, דער אייבערשטער האט באשאפן א שבת קודש, וואס דער שבת קודש געבט א פרישע חיות פאר די וועלט פאר נאך זעקס טעג. יעדע שבת קודש וואס מיר היטן כהלכתו, געבט דאס א פרישע נפש און א כח פאר די וועלט צו קענען שטיין פאר נאך זעקס טעג. ווען נישט דעם טאג, וואלט די וועלט חרוב געווארן לתהו ובהו נאך זעקס טעג און נאר דורך דעם שבת קודש, שטייט דער וועלט מיט אירע אלע באשעפענישן.

ענדיגט צו דער אוהח"ק: **ולך לדעת כי מיום ברא אלקי' אדם לא חסר העולם דבר המעמיד צדיק יסוד עולם שהוא שומר שבת**, אנגעהויבן פון אדם הראשון וואס איז געווען א שומר שבת (ב"ר כב), איז אין יעדן דור געווען א צדיק וואס האט געהיטן שבת. נאך אדם, איז געקומען זיין זוהן שת, דערנאך זיין אור-אייניקל דער צדיק מתושלח וכו', נח, שם, דער זיידע אברהם וכו', ומשם לא פסקה שמירת שבת מישראל **ואפי' במצרים היו שומרי שבתות כמאמרם ז"ל.** (שמו"ר פ"א)[ו]

זאגט דער אוהח"ק: מיט דעם פארשטייט מען גוט די ווערטער פון די גמרא: **כל המקדש וגו' ואומר ויכלו וגו' כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית** (שבת קיט:). ווי אזוי קען א מענטש ווערן א שותף אין עפעס וואס איז שוין באשאפן געווארן לאנג צוריק?

יא! וויבאלד שבת איז דער מקיים פון דער וועלט פאר נאך זעקס טעג, קומט אויס אז דער וואס היט שבת, ווערט ממש א שותף במעשה בראשית, ער האלט אן די בריאה פאר נאך זעקס טעג...

וויבאלד יעדע שבת קומט נאכאמאל אראפ א נפש פאר דער וועלט, זאגט דער אוהח"ק (פסוק ב בא"ד ונראה): וכן מצינו בדברי הזוה"ק שנתנו טעם למצות ה'. פארדעם מאכט מען נישט קיין ברית פאר א ניי-געבוירן קינד נאר ביז נאך דעם אכטן טאג. אזוי אויך, פארדעם איז מען נישט מקריב א בהמה פאר א קרבן ביז זי איז אלט אכט טעג.

פארוואס? אלעס כדי עס זאל אריבערגיין אויף זיי א שבת קודש, **ויהיה בעל נפש** (זוה"ק תזריע מד). שבת קודש באקומט יעדער דעם נפש... קען מען זיך פארשטעלן אז א קינד **וואס עס איז אריבער אויף אים א שבת איז שוין נישט דער זעלבע קינד.**

~

**וזל"ק פונעם הייליגן באר מים חיים**
(עה"פ ויכלו השמים)

ובכל שבת ושבת, הקדוש ב"ה ברוב חסדיו מאיר ומופיע לכל העולמות עליונים ותחתונים מאור פניו יתברך, ואדם הזוכה לקבל קדושת השבת בזכון וטהרת מחשבתו ולבו ואברי גופו, הנה מכיר ומרגיש אור קדושתו יתברך, ולבו בוער בקרבו כרשפי אש שלהבת ק-ה ממש בכלות נפשו לאלקים, ומים רבים לא יוכלו לכבות את האהבה התקועה בלבו ומשתוקק ומתלהב לעבודת ה' כל הלילה וכל היום שבת קודש. גם להוסיף מחול על הקודש בכניסתו וביציאתו, והכל בתשוקת ודבקות ה', ובאהבתו שוגה, **ונכר על פניו גדל הבערת אש הבוער בלבו...**

# מוסר השכל:

שטיינעדיג יעצט נאך די הייליגע טעג, בעת וואס מיר גרייטן זיך אריינצוגיין אין די קאלטע ווינטער נעכט, כאפט אונז אן א פחד און א ציטער, "ווי אזוי וועלן מיר זיך קענען דערהאלטן? ווי אזוי גייען מיר אדורך גיין דעם לאנגן ווינטער אן דעם וואס מיר זאלן חלילה פארגעסן די פילע מדריגות און דערהויבענע מאמענטן וואס מיר האבן נארוואס זוכה געווען טועם צו זיין?"

דער תשובה צו דעם איז: **שבת קודש!** שבת קודש בראשית, וואס צדיקים האבן דאס אנגערופן **"שבת נאך יום טוב"**, ווייל ס'איז נאך יום טוב, (דברי שמואל סלאנים, בראשית, בשם הרה"ק מטשארטקוב זי"ע), לאמיר זיך באקאנט מאכן מיט אט די געוואלדיגע מתנה פון שבת קודש.

**יָמִים יֻצָּרוּ וְלוֹ אֶחָד בָּהֶם** (תהלים קלט, טז): דער אייבערשטער האט אויסדערוועלט איין טאג פון אלע טעג פאר זיין ספעציעלע טאג. וועלכע טאג איז דאס? צוויי טייטשן געפונען מיר אין ילקוט שמעוני. איין פשט איז אז דאס מיינט **יום הכיפורים** און די אנדערע פשט איז אז דאס מיינט **שבת קודש.**

**הצד השוה:**ביידע זענען אן אויסדערוועלטע טעג, דער חילוק איז נאר אז איין איז אויסדערוועלט פונעם וואך און איין איז אויסדערוועלט פונעם יאר. אויב אזוי, זאגן מיר...

**לאמיר זיך פרייען מיטן שבת קודש!** ווארט נישט ביז דער

---

[ה] מיט דעם פארענטפערט דער אוהח"ק דער קשיא: אויב שבת געבט דעם נפש, ווי אזוי האט זיך דער וועלט געהאלטן ביז דעמאלטס?

[ו] ועי' בדברי יואל בראשית, שמבאר איך היה כולם מותרים לשמור שבת הרי בן נח ששבת חייב מיתה, ועיי"ש שמת' בביאור נפלא ההבדל בין בן נח לבן ישראל בענין היום ולילה, שאצל בן נח כתוב (שממנו ילפינן שאסור לו לשבות) **יום ולילה לא ישבותו**, לומר שאצלו היום הולך אחר הלילה, משא"כ אצל ישראל כתיב **ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד**, לומר שהערב הולך אחר היום, א"כ אפ"ל, ששמרו שבת כדינו של ישראל, אך היה נזהרין בזה שלא יהיה בעבורם יום שלם, והיינו שעשו מלאכה ערב שבת ומוצאי שבת, שלפי שיטתם לא יצא יום שלם שלא עשו מלאכה...

אויסדערוועלטע טאג פונעם יאר, וואס דאס קענסטו נאר האבן איינמאל א יאר! נעם שוין דער אויסדערוועלטע טאג פונעם וואך וואס דאס קענסטו האבן 52 מאל א יאר, יעדע זיבעטע טאג. אויב בענקסטו זיך נאך דעם איין טאג פונעם יאר, נעמט דאס מיט דיר דורכ'ן יעדן שבת באופן זעירא...

## לאמיר זיך איינ'חזר'ן...

אנגעהויבן פון דעם שבת קודש, ווען איר נעמט דאס כוס אין דער האנט פרייטיג-צו-נאכטס, שטעלט זיך אפ פאר א מינוט איידער איר זאגט דעם **וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי... וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה... וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכָּל מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר בָּרָא אֱלֹקִים לַעֲשׂוֹת...**

און זייט אייך מתבונן אין די ווערטער וואס איר גייט נארוואס זאגן, געדענקט דעם כתב סופר "כל המקדש וכו' ואומר ויכלו וגו', כאלו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית..." פארוואס? ווייל ער איז מחשיב דעם שבת קודש און ער גרייט זיך דאס אויסצונוצן פאר איר תכלית אויף וואס זי איז באשאפן געווארן.

**רבותי!** אויב מיר וועלן לעבן יעדן שבת קודש מיטן ריכטיגן דעת און דביקות, א שבת וועט מיינען ביי אונז א טאג פון העכערס, א טאג וואס איז אזוי ווי איינע פון די ימים נוראים און מיר וועלן דאס אויסנוצן פאר רוחניות'דיגע צוועקן, לערנען און דאווענען, און זיך דערווארעמען מיט די הערליכע שבת'דיגע ניגונים, וועלן מיר בעזהשי"ת קענען אדורך שווימען דעם לאנגן ווינטער און נאך ארויף גיין מעלה מעלה.

**יעדע זיבעטע טאג, דארפן מיר נאך אן עלקעטריק**
**שא"ק וואס זאל אונז אויפוועקן.**

און ניין, מיר מוזן נישט ווארטן ביז עס קומט אביסל א גרעסערע כח, ווי איינמאל א חודש אדער א גרעסערע יום טוב, און אודאי און אודאי טארן מיר זיך נישט פארלאזן בלויז אויפן שטערקסטער כח, די הייליגע ימים נוראים, נאר מיר דארפן מאכן יעדע שבת קודש פאר א יום טוב און לעבן פון דעם פאר די גאנצע וואך!

און ווען מיר וועלן אדורך גיין דעם שבת קודש מיט א העכערקייט און מיט א באזונדערע אויפמערקזאמקייט, וועלן מיר בעזהשי"ת אויך קענען מקיים זיין דעם צווייטן מאמר החז"ל, "**איזהו בן עוה"ב זה המשייר מקדושא לאבדלתא**" (פסחים קיג.). ווי דער כתב סופר טייטשט (שם בראשית), גייט דאס ארויף אויף דער רוחניות'דיגע עבודה פונעם מענטש אין שבת קודש.

**משייר מקדושא**, עס דארף איבערבלייבן פון דעם קדושת שבת **לאבדלתא**, פארן גאנצע איבריגע וואך. דהיינו, שבת קודש דארף דער מענטש זיין אזוי אויפמערקזאם אז דער שבת זאל אים דינען ווי א וועג-ווייזער אויף דעם גאנצע קומענדיגע וואך, זונטאג און מאנטאג זאל ער געדענקן וואס ער האט געלערנט און געדאווענט שבת, ועי"ז וועט ער זיכער זוכה זיין צו עוה"ב.

# צידה לדרך

## "מאכט נישט דער טפל פאר דעם עיקר"

**וַיְהִי הֶבֶל רֹעֵה צֹאן וְקַיִן הָיָה עֹבֵד אֲדָמָה.** (ד, ב)

זאגט דער הייליגער רוזינער זי"ע (יא"צ ג' חשון עש"ק): דער אונטערשייד צווישן קין און הבל קען מען זעהן אין די לשון הפסוק. **ויהי הבל רועה צאן**, ויהי איז א לשון פון צער, דער מענטש ווייל דאס נישט און זאגט, "הלואי וואלט דאס נישט געווען". **ויהי הבל רועה צאן**, הבל האט זיך מצער געווען אז ער דארף זיך באשעפטיגן מיט פרנסה, ער וואלט ענדערש געוואלט עוסק זיין מיט לערנען און דאווענען א גאנצע טאג, הלואי זאל שבת זיין א גאנצע וואך! משא"כ, **וקין היה עובד אדמה**, היה איז א לשון פון שמחה, מען גליסט און מעןווארט אויף דעם. קין האט זיך געפריידט און געווארט ווען ער וועט שוין קענען צוריק גיין צו זיין ארבעט פון פלאנצן און זייען. דאס איז אים געווען מער אינטערעסאנט ווי דארפן עוסק זיין בעבודת הקודש.

**וישע ה' אל הבל ואל מנוחתו.** הבל'ס עבודה איז געווען אן אמת'ע עבודה, דערפאר איז אפי' זיין גשמיות געווען עולה לריח ניחוח, ווייל ער איז אן אמת'ע איד! מה שאין כן, **ואל קין ואל מנחתו לא שעה.** קין, וואס האט זיך געפריידט צו דעם טפל, ער האט מער ליב געהאט צו ארבעטן ווייל אזוי קען ער זיך ארויסדרייען פון לערנען און דאווענען, צו זיין **מנחה לא שעה**, דער אייבערשטער האט נישט געדארפט זיין ארבעט און אויך נישט זיין קרבן...

שבת קודש דארף אונז אויפוועקן און דערמאנען וואס איז דער עיקר און וואס איז דער טפל. ווי אזוי וואלטן מיר אויסגעקוקט **אלו האכילנו את המן ולא נתן לנו את השבת?!**

שבת קודש דארפן מיר זיך דערהייבן און זיך צוריקקערן צו בוכ"ע, לדבק באורו וליהנות מזיו שכונתו יתברך.

ווי דער קדושת לוי זאגט אין פרשת בראשית (דף ח, כי בו שבת): **שבת הוא מלשון חזרה, מכל מלאכתו אשר ברא אלקים לעשות, לעשות דייקא, שגם מלאכה שברא בעולם עשיה דהוא האדם, בשבת חוזר לעולמות עליונים במחשבתו מרוב בהירות וקדושת שבת.**

**לעילוי נשמת**
**הרה"ק רבי לוי יצחק בן שרה סאשא**
**מברדיטשוב זיע"א**

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך אויף אי-מעיל,
קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך torah10952@gmail.com